בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

**פרשת תולדות תשע"ה** שבת מברכין כסלו **גליון 290 [שנה ז']**


### אין דומה תפלת צדיק בן צדיק

וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה': (כה כא) זאגט רש"י וַיֵּעָתֶר לוֹ: לוֹ ולא לָהּ, שאין דומה תפילת צדיק בן צדיק לתפלת צדיק בן רשע לפיכך לו ולא לה: לכאורה וואס מיינט אינו דומה עס איז נישט גלייך די תפילות פון א צדיק בן צדיק צו תפילת צדיק בן רשע, די תפילות זענען דאךביידע גלייך נאר עס וואלט געדארפט שטיין אינו דומה צדיק בן צדיק לצדיק בן רשע, ווייל דער חילוק איז נאר וועגן די מדריגות, אבער נישט די תפילות? אויך פארוואס נאר לוֹ צו אים און נישט צו איר? נאר דער ענין איז אז א צדיק בן צדיק איז מתפלל אין זכות פון זיינע אבות משא"כ א צדיק בן רשע מוז תולה זיינע די תפילות אין זיין זכות. און די גמ' (ברכות דף י ע"ב) שרייבט דער וואס איז תולה זיינע תפילות אין זיין זכות ענטפערט מען אים אין זכות פון אנדערע אזוי ווי ביי חזקיהו, און דער וואס איז תולה זיינע תפילות אין זכות פון אנדערע ענטפערט מען אים אין זיין זכות אזוי ווי ביי משה רבינו. דאס מיינט די תפילות זענען נישט גלייך. ממילא איז שוין גוט וַיֵּעָתֶר לוֹ, לוֹ ולא לָהּ, ווייל יצחק האט מתפלל געווען אין זכות אבותיו האט מען אים געענטפערט אין זיין זכות, משא"כ רבקה האט געמוזט מתפלל זיין אין איר זכות האט מען איר געענטפערט אין זכות פון אנדערע. (באר בשדה –דאנון ירושלים תר"ו)

### יצחק האט געבעטן פאר עשירות

וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה': (כה כא) שטייט אין מדרש רבה (פס"ג ה) ר' יוחנן אמר ששפך תפילות בעושר, ער זאל ווערן רייך. און רש"י איז מפרש אז דער ווארט עֶתֶר מיינט עושר. שטעלט זיך די שאלה אויף יצחק וואס ער איז א קרבן עולה זאל זיך נעמען גיסן תפילות אויף עשירות? נאר די גמ' (ברכות דף ז ע"א) ברענגט אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו פארוואס איז צדיק וטוב לו, איז א צדיק בן צדיק, און צדיק ורע לו, איז א צדיק בן רשע, קומט אויס אז ווען עס גייט נישט גוט פאר א צדיק קען מען זאגן אז ער איז א צדיק בן רשע. יעצט די ליצני הדור האבן דאך געזאגט אז יצחק איז דער זון פון אבימלך, און אויב יצחק וועט זיין א ארימאן וועלן די ליצני הדור וויטער מאכן ליצנות פון יצחק, דעריבער האט יצחק זיך אנגענומען פארן כבוד פון אברהם און שטארק געבעטן ער זאל ווערן א עושר, וועט זיין טוב לו, און א סימן אז ער איז א צדיק בן צדיק און ווייזן אז ער איז דער זון פון אברהם. (חידודי תורה – ניימאן)

### המבקש רחמים על חבירו

וַיֶּעְתַּר יִצְחָק לַה' לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ כִּי עֲקָרָה הִוא וַיֵּעָתֶר לוֹ ה': (כ"ה –כ"א) לְנֹכַח אִשְׁתּוֹ: זאגט רש"י "זו עומד בזוית זו ומתפלל, וזו עומדת בזוית זו ומתפללת" לְנֹכַח מיינט אנקעגן, וואס די משמעות קען מיינען אז יצחק האט געבעטן אז זיין ווייב זאל געהאלפן ווערן, און די גמ' זאגט (בבא קמא דף צ"ב:) א"ל רבא לרבה בר מרי כל המבקש רחמים על חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחילה, ממילא האט יצחק געבעטן פאר רבקה און ווייל ער האט אויך געדארפט א ישועה איז ער געהאלפן געווארן, דעריבער וַיֵּעָתֶר לוֹ, לוֹ ולא לָהּ. [אין ספר עלינו לשבח ברענגט ער א מעשה וואס הגאון ר' ברוך מרדכי אזרחי שליט"א האט בייגעלעבט: א איד איז אריין צו א רב מיט א צובראכענע הארץ אז ער איז אסאך יארן נאך די חתונה און האט נישט קיין קינדער, דער רב טראכט א מינוט און זאגט אז ער האט א זון וואס האט אויך נישט קיין קינדער, מען וועט מאכן א שטר התחייבות אז יעדער וועט בעטן פארן צווייטן פאר קינדער. כתוב וחתום אין א יאר ארום זענען זיי ביידע געהאלפן געווארן מיט א קינד.] מיט דעם קען מען טייטשן דעם פסוק (תהלים קכ"ב ח') לְמַעַן־אַחַי וְרֵעָי אֲדַבְּרָה־נָּא שָׁלוֹם בָּךְ: "נָּא" איז א לשון פון תפילה, זאגט דוד המלך ע"ה: לְמַעַן־אַחַי וְרֵעָי, אויב פאר דיין חבר, אֲדַבְּרָה־נָּא, וועסטו מתפלל זיין, און דו דארפסט האבן די זעלבע ישועה, "שָׁלוֹם בָּךְ" וועסטו אויך געהאלפן ווערן, און טאקע "בָּךְ" פריערט וועט זיין ביי דיר. ווייל הוא נענה תחילה. (שמח זבולון)

### ווער האט אים גערופן יעקב?

וַיִּקְרָא שְׁמוֹ יַעֲקֹב: (כה כו) זאגט רש"י אז דער אויבערשטער האט אים גערופן דעם נאמען יעקב. שטייט אין מדרש מכאן שיעקב לא מת. פון דעם פסוק איז א ראי' אז יעקב אבינו איז נישט געשטארבן! לכאורה איז דאס א מדרש פליאה ווייל וואס איז די שייכות פון רופן א נאמען צו נישט שטארבן? נאר מען קען דאס פארענטפערן מיט א מדרש (בראשית רבה י"ז ה') וואס שרייבט אז אדם הראשון האט געגעבן די נעמען פאר אלע באשעפענישן. נאכדעם פרעגט אים דער אויבערשטן וואס וועט זיין דיין נאמען? האט ער געענטפערט: "אדם". פרעגן די מפרשים פארוואס האט אים דער אויבערשטער נישט געגעבן דעם נאמען נאר ער האט זיך אליין געדארפט געבן דעם נאמען? און זיי ענטפערן ווייל אויב דער אויבערשטער וואלט געגעבן דעם נאמען וואלט אדם נישט געקענט שטארבן, און וואלט געלעבט אייביג. דאס זעלבע איז פשט אין מדרש מכאן ווייל דער אויבערשטער האט געגעבן דעם נאמען יעקב, און אין אזא פאל לעבט מען אויף אייביג איז די ראיה אז יעקב לא מת, און לעבט אייביג. (תורת משה – חתם סופר)

### לְאַחֶיךָ און נישט לְאָחִיךָ

הֱוֵה גְבִיר לְאַחֶיךָ: (כ"ז כ"ט) עס איז א לכאורה דא א שווערן דיוק מיט דעם ווארט "לְאַחֶיךָ" וואס איז א לשון רבים, דיינע ברידער, ווייל יעקב האט נאר געהאט איין ברודער עשו וואלט געדארפט שטיין לְאָחִיךָ א לשון יחיד, דיין ברודער? נאר מיר טרעפן ווען יעקב האט געטראפן די פאסטאכער שטייט וַיֹּאמֶר לָהֶם יַעֲקֹב, אַחַי מֵאַיִן אַתֶּם (כ"ט ד) יעקב רופט זיי אחי מיינע ברידער ווייל יעקב האט געהאט אהבת הבריות און אלע מענטשן זענען געווען ווי זיינע ברידער. דאס האט יצחק אבינו מרגיש געווען און געגעבן די ברכה אז יעקב זאל זיין א גביר, א האר אויף די גאנצע וועלט, ווייל אלע זענען אַחֶיךָ, דיינע ברידער. (נועם אליעזר סקולען)

### בְּמִרְמָה בפרה אדומה

וַיֹּאמֶר בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה: (כ"ז ל"ה) הגה"ק ר' יוסף פרעסבורגר זצ"ל אב"ד מאטטערסדארף, דער תפארת יוסף, האט געזאגט א מדרש פליאה: בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה, מִרְמָה – בפרה אדומה. [אין חת"ם סופר ח"א איז דא א רמז צו דעם מדרש פליאה] און רש"י זאגט במרמה– בחכמה. וואס האט פרה אדומה צו טאן מיט די ברכות? צווייטנס ווי שטימט דא ביידע פשטים פרה אדומה און בחכמה? כדי דאס צו ענטפערן דארף מען מסביר זיין אז יעקב אבינו האט געהאלטן אז די סיבה פארוואס זיין טאטע וויל בענטשן עשו און נישט אים איז אזוי ווי רש"י איז מפרש, וַתִּכְהֶיןָ עֵינָיו מֵרְאֹת, די רויך פון עבודה זרה האט בלינד געמאכט יצחק" [מדרש תנחומא און אגדת בראשית], ווייל די פרויען פון עשו האבן מקטיר געווען פאר ע"ז האט דאס שוואך געמאכט די אויגן פון יצחק וואס ער האט נישט געקענט זעהן די רשעת פון עשו עיי"ש. האט יעקב געזוכט א וועג צו עפענען די אויגן פון זיין טאטן און זען זיין גרויסקייט און קענען באקומען די ברכות, איז ער

געקומען במרמה – בחכמה, און אין וועלכע חכמה? בפרה אדומה. אזוי ווי דער שפתי כהן עה"ת זאגט בזמן שאין ביהמ"ק קיים – די אמירת פרה אדומה וואס מען לערנט יעדן דור איז גערעכנט ווי מען האט געמאכט און פארברענט די פרה אדומה. און דער אויבערשטער וועט אונז רייניגן פון אונזערע טומאות און קליפות וואס זענען מקטרג. עד כאן הש"ך. איז כדי יעקב אבינו זאל קענען נוצן די כח פון פרה אדומה און מטהר זיין די טומאה פון עשו, און ווייל יעקב אבינו האט נישט געקענט בפועל מאכן א פרה אדומה, האט ער געוואוסט אז דורך דעם לערנען פון פרה אדומה רייניגט מען אלע טומאות. דעריבער איז יעקב געגאנגען בחכמה און געבעטן זיין טאטן ער זאל לערנען מיט אים די פרשת פרה אדומה, וועט דאס מטהר זיין די טומאה פון עשו, וועט יצחק זען די גרויסקייט פון יעקב, ממילא וועט ער מסכים זיין צו די ברכות. און אזוי איז געווען, יצחק האט פארשטאנען די צדקות פון יעקב און די רשעות פון עשו. זאגט דער פסוק ווייטער "כִּשְׁמֹעַ עֵשָׂו אֶת דִּבְרֵי אָבִיו" אז ער האט מסכים געווען צו בענטשן יעקב, "וַיִּצְעַק צְעָקָה גְּדֹלָה וּמָרָה עַד מְאֹד וַיֹּאמֶר לְאָבִיו בָּרְכֵנִי גַם אָנִי אָבִי" האט עשו געזאגט אז דו האסט דאך מסכים געווען מיר צו בענטשן! "וַיֹּאמֶר בָּא אָחִיךָ בְּמִרְמָה" אז יעקב איז געקומען בחכמה צו לערנען די פרשת פרה אדומה האט ער געעפענט מיינע אויגן און איך האב געזעהן אז ער איז ראוי צו די ברכות און וַיִּקַּח בִּרְכָתֶךָ. (בית ישראל השלם מאטטערסדארף)

# מדור העובדות

## הרה"ק ר' שלום אליעזר מראצפערט זצוק"ל היילט אויס א קינד מיטן כח פון אמונה

ר' משה הלפרין האט דערציילט אז זיין ברודער האט באקומען א וואונד אויפן הארץ און דער מצב האט זיך פארערגערט זייער שטארק, איז זיין טאטע געגאנגען צו א גרויסן הַארץ דאקטער וואס האט געזאגט אז מען מוז מאכן א אַפֶּעראַצְי' און דאס אראפשניידן ביז 48 שעה אויב ער וויל נאך לעבן. אבער דער געזעץ איז געווען אז כדי צו מאכן אזא אַפֶּעראַצְי' האט מען געדארפט פארן קיין בודאפעסט צו א גרויסן דאקטער וואס ער זאל געבן א אונטערשריפט אז ער האלט אז מען דארף אויך מאכן דעם אַפֶּעראַצְי'. איז מען געפארן מיטן באן קיין בודאפעסט צו א גרויסן דאקטער וואס האט איהם אונטערגעזוכט, און האט געשריבן א צעטל אז ער איז מסכים צו די אַפֶּעראַצְי'.

אויפן וועג אהיים האט זיין טאטע באמערקט אז דער גבאי פון הייליגן צדיק ר' שלום אליעזר מראצפערט דער זון פון הייליגן דברי חיים מצאנז זצוק"ל איז אויפן באן. איז ער צו געגאנגען צו איהם און געבעטן אז ווען ער זעהט דעם רבי'ן זאל ער זיין קינד מזכיר זיין, האט דער גבאי געזאגט האסט מזל ווייל דער רבי איז דא מיט אונז אין באן. מען איז צו געגאנגען צום רבי'ן'ס פלאץ און מיין טאטע גיט שלום און האט געזאגט וועגן קינד און אז צוויי דאקטוירים האבן געהייסן מען זאל שנעל מאכן א אַפֶּעראַצְי' אויפן הארץ. פרעגט אים דער רבי איז דען זיכער אז דער אַפֶּעראַצְי' וועט אים היילן? האט מיין טאטן געענטפערט: "50% אויף יא". האט דער רבי זיך אנגערופן "איך הייס זאלסא נישט מאכן די אַפֶּעראַצְי'." האט מיין טאטע געזאגט פארן רבי'ן אז עס איז סכנת נפשות! האט אים דער רבי געזאגט: "האסט אליין געזאגט אז די אַפֶּעראַצְי' איז נישט קיין זיכערע זאך אז עס וועט אויסהיילן די מחלה, און איך הייס נישט מאכן דעם אַפֶּעראַצְי'."

מיין טאטע האט זיך ווייטער געטענה'ט מיטן רבי'ן, האט דער רבי געזאגט איך פארשטיי אז דו ביסט צוטומלט פון דיין צער און איך האב נישט קיין טענות אויף דיר, בארוהיג זיך, און דער רבי האט אויסגעפירט אויב דו האסט אמונה אין מיר בין איך נישט ערגער פון יאקאב!

דער רבי האט געזען אז מיין טאטע וואונדערט זיך, האט דער רבי איהם דערציילט אז ביי זיין טאטן דער הייליגער צאנזער רב זיע"א, פלעגט קומען א דארפס איד ר' יחזקאל און שטענדיג ברענגען עופות און אייער, איינמאהל איז ר' יחזקאל געווארן קראנק און זיין ווייב איז געקומען צום רבי'ן מיט בכיות אזוי ווי איר מאן האלט ביים שטארבן און ער האט געטאן אסאך טובות פאר'ן רבי'ן בעט זי דעם רבי'ן ער זאל צו זאגן א רפואה שלימה. (אין צאנז איז געווען א גרויסער דאקטער מיטן נאמען יאקאב וואס ווען דער צאנזער רב פלעגט שיקן צו איהם האט ער אויפגענומען מיטן שטארקסטן דרך ארץ.) האט דער רבי געזאגט זי זאל גיין צו יאקאב און זאל זאגן יאקאב אז דער צאנזער רב האט געבעטן ער זאל פארן מיט איר צו איר מאן און ער וועט אים אויסהיילן! זי האט נישט געוואוסט וואו און ווער איז יאקאב, איז זי געגאנגען אין שול אריין און געפרעגט דעם שמש ווער איז יאקאב? האט ער געזאגט איך הייס יאקאב! פרעגט ער איר וואס זי דארף? האט זי געזאגט אז דער רבי האט געבעטן ער זאל מיטגיין מיט איר צו איר קראנקער מאן און ער וועט אים אויסהיילן! דער שמש האט געפרעגט די פרוי צו זי וועט באצאלן פאר דעם? האט זי געענטפערט: "זיכער וועל איך באצאלן" איז יאקאב דער שמש מיט געפארן און זיך אוועק געזעצט לעבן חולה און געזאגט פאר אפאר שעה תהלים מיט בכיות און ר' יחזקאל ווערט פון מינוט צו מינוט בעסער ביז ער איז געקומען צו זיך. יאקאב האט באקומען זיין געלט און יחזקאל זיין רפואה. ע"כ הסיפור.

האט דער ראצפערטער רבי אויסגעפירט: "די פרוי איז געהאלפן געווארן אין זכות וואס זי האט געהאט אמונה אין טאטן, נו איך בין זיין זון און איך הייס נישט מאכן דעם אַפֶּעראַצְי', ווערסטו האבן אמונה ווערסטו געהאלפן ווערן, און איך בין נישט ערגער פון יאקאב! איך קען אויך בעטן." ווען מיין טאטע איז אנגעקומען אין שטאט האט דער דאקטער אפגעווארט מיין טאטן צו מאכן דעם אַפֶּעראַצְי', האט מיין טאטן דערציילט די גאנצע מעשה מיטן רבי'ן אז ער איז נישט מסכים צו מאכן די אַפֶּעראַצְי'. האט דער דאקטער זיך אויפגערעגט און געזאגט אויב עפעס וועט געשען צום קינד, וועט ער זיך מעלדן צו די פאליציי אז די טאטע איז געווען שולדיג אין דעם טויט! אבער אויב ער ווערט אויסגעהיילט אן א אַפֶּעראַצְי' ווערט ער א בעל תשובה!

מיין טאטע האט זיך נישט דערשראקן ווייל ער האט געהערט קלארע רייד פון רבי'ן און געהאט אמונה אין צדיק. עס איז אריבער צוויי טעג ווען פלוצלונג האט עס אנגעהויבן קראצן ביים הארץ פון דער חולה און ער האט זיך געקראצט ביז די וואונד וואס איז געווען אויפן הארץ האט זיך געעפענט. ווען מען איז געגאנגען צום דאקטער האט ער געזאגט אז דאס איז געווען די רפואה פארן מחלה און יעצט וועט דאס קינד זיך אויסהיילן און אים געגעבן די ריכטיגער מעדיצין און דער אינגעל האט געלעבט ביז די מלחמה. און דער דאקטער איז געווארן א בעל תשובה זיע"א.

מזל טוב לחתני הר' בן ציון מאיר ב"ר אברהם זילבערשטיין נ"י. ולחתני הר' מנחם מענדל ב"ר ישראל מאיר הורוויץ נ"י להולדת הבנים. והברכה לאבי מורי הרה"ח ר' אליעזר הלוי קליטניק שליט"א

*נישט קוקן אין דעם חלק במשך השבת קודש: הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד– צו פארקויפן -*
רמב"ם דפוס פיורדא שייך להגאון ר' אברהם תאומים מקריניפאלי' ובנו ר' יצחק, א פאר הגהות , ספר נועם מגדים שייך להגאון ר' שמואל אהרן רובין ובנו והר' שלום וואגשאל, ספר הקנה דפוס קאריץ עם חתימת הרה"ק ר' הערש'לע מליסקא. א סעט ש"ס ווילנא מיט ריגאל פאפיר. ספר דרשות הר"ן מיט הגהות ר' נתן אלי' עהרמאן מאירשע תלמיד חתם סופר פאר $900 ספר כרתי ופלתי מיט חתימת הרה"ק מדעעש בעל כנסת יחזקאל. $1500 סעט אטלס עץ חיים 14 כר' – רפאל הלפרין $600. שו"ת ממעמקים הר' אשרי, ספר שו"ת יהודה יעלה פון מהר"י אסאד מיט פיל הגהות פון הרה"ג ר' עמרם ראזענבערג אב"ד ראצפערט. עטרת תפארת ישראל פון א תלמיד בעש"ט א שמירה און סגולה ספר. ספר דמשק אליעזר על הזהר עם חותמת הרה"ק ר' שלום מקאמארנא. סעט ישמח ישראל אלכסנדר. ספר שמש צדקה מיטן סטעפעל פון ערוגת הבושם און זון ר' אברהם יוסף. גאר שיינעם תהלים דגל והודיה דפוס זיטאמיר. ספר אוהב ישראל פון אפטא רב דפוס ראשון. סעט היכל הברכה קאמארנא שנת תש"י. א סעט קאמארנע משניות אמרקאי, משניות געדרוקט דורכן חידושי הרי"ם מגור. א בריוו פון הר' ישראל אדעססער מנהיג ברעסלאו אודות מצבו הירוד. בריוו פון הרה"ק ר' ירחמיאל משה מקאזניץ שוער פון בעל חובת התלמידים. א חיבור חידושי תורה פון הרה"ג ר' צבי הירש וואלק אב"ד קארלין בעל מחבר כתר כהונה אויף ספרי.
*אויך מער פון 1000 ספרים אלע מינים וואס זענען נישט בנמצא אנגעקומען*
**4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:00 Fri till 1 till 1 seforim@gmail.com**
דער גליון קען מען אויך באקומען אויף לדעת און אין קונטרס גליונות פון הר' שמואל ראטה און גליונות פון המחנך הנפלא ר' וועלוועל שמעלצער,